# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת שלח, כ"ה סיון, מברכים חודש תמוז, אבות פרק ג', שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 35 (502)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:06
מוצאי שב"ק....................9:36

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................הושע י"ב-י"ג
בבלי..........................יומא נ"ה
ירושלמי....................סוטה ח'
תוספתא.............טבול יום א'
רמב"ם.......................נדרים ז'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ**, דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִם זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער. זָאגְט רַשִׁ"י אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ח) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז אַ צַדִיק וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ לָאזְן צוּ דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן גַשְׁמִיוּת. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, פַּארְקֶערְט, וִוי גְרֶעסֶער דֶער צַדִיק אִיז, אַלְץ מֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְלִים, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶוען מֶען אִיז אִין מִדְבָּר, פִירְט טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אִידְן שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, מֶען גֵייט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען עֶסְט מָן פוּן הִימְל, מֶען טְרִינְקְט פוּנֶעם שְׁטֵיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אָבֶּער דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פוּל מִיט גוֹיִם, אַלֶעס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן דָארְט אִין אַזַא מַצָב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ גְרוֹיס זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן דָארְט.

דָאס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר טָעוּת. פַּארְקֶערְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי גוֹיִם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן זַיין פַּארְנוּמֶען צוּ בַּאעֶרְדִיגְן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מְרַגְלִים, אָבֶּער דִי מְרַגְלִים הָאבְּן אַלֶעס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ שְׁלֶעכְטְס.

דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט, **וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן הִימְל, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר וֶועט זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "אוּמְזִיסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנוּן? אוֹיב זֵיי וֶועלְן זִינְדִיגְן וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דִי מַלְאָכִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ זֶען אוֹיב זֵיי וֶוען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְלִים גֶעזֶעהְן דִי נְפִילִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי אִידְן קֶענֶען דָארְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ פוּן אַ מַלְאָךְ, עֶר קֶען זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער – דֶער רַחוּם וְחַנוּן – נֶעמְט יֶעדְן אָן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שְׁלַח תש"ס)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### סְ'אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אִין אַ צָרָה, אִין אַ שְׁוֶועריקֵייט, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג אַרַיין צוּם פְּרָאבְּלֶעם, אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם. דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן קְלֶערְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, עֶס אִיז אַלֶעמָאל דָא אַ וֶועג אַרוֹיס.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, סַיי וָואס מֶען וֶועט נָאר וֶועלְן טוּן אוּן אוֹיסְפִירְן, וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין אוֹיף דֶעם שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָאס לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְלַאטִיג, עֶס מַאכְן זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטֶערוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, דֶער עִיקָר חָכְמָה אִין לֶעבְּן אִיז צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעשְׁטֶעלְט, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס הַאנְדְלֶען. אוּן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע רָצוֹן, מִיט אַן אֱמֶת'ן ווִילְן, קֶען מֶען אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שְׁוֶועריקֵייטְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נָאר אוֹיף וִויפִיל זַיינֶע כּוֹחוֹת קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אַ גֶעוִויסֶע שְׁוֶועריקֵייט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טַאקֶע דִי כּוֹחוֹת דָאס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען. וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, גֵייט שׁוֹין דָאס לֶעבְּן פִיל גְרִינְגֶער.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דֶערוֹיף אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ קִינְד. וֶוען מֶען ווִיל אָנְרֵייצְן אַ קִינְד אַז עֶר זָאל וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט מֶען אִים עֶס וַוייזְן אוּן נָאכְדֶעם עֶס גְלַייךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל נָאךְ מֶער וֶועלְן אוּן שְׁטְרֶעבְּן צוּ בַּאקוּמֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט אַ גְרוֹיסֶער

<<<<<<

## א גוט ווארט

טְרַאכְט אַבִּיסְל אַרַיין וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, וִויפִיל חֲסָדִים עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר בִּיז אַהֶער. דוּ בִּיסְט חַתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אַלֶע זֶענֶען גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; דוּ בִּיסְט דָאךְ אַזוֹי רֵייךְ, דַארְפְסְטוּ אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אָן אַ שִׁיעוּר.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען טָאג אוּן נַאכְט נָאר דַאנְקֶען וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם הַגַּן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוֹיךְ וֶועסְטוּ וֶוערְן מֶער אוּן מֶער גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, וַוייל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט פִיזִישֶׁע כּוֹחוֹת אוּן גֵייסְטִישֶׁע כּוֹחוֹת; עֶס שְׁטַארְקְט דִי נֶערְוְון, עֶס שְׁטַארְקְט דִי מוּסְקְלֶען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּמִדְבַּר תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְסְטוּ הָאבְּן אַ מוֹסָד פַאר דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אַ דִירָה אִין ...., דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַהִין צִיעֶן, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דָארְט וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ צָאלְן דִירָה גֶעלְט, דָארְט אִיז בִּילִיגֶער ווִי אִין שְׁטָאט.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַהִין צִיעֶן, אָבֶער דוּ דַארְפְסְט קוֹדֶם מְבַרֵר זַיין אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ מוֹסָד פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

דִי תּוֹרָה זָאגְט, וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ גֵיין קַיין מִצְרַיִם, הָאט עֶר קוֹדֶם גֶעשִׁיקְט אֵיינֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אָנְגְרֵייטְן אַ מוֹסָד פַאר אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ. "וְאֶת יְהוּדָה שָׁלַח לְפָנָיו (בְּרֵאשִׁית מו, כח)", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מֶדְרַשׁ אַגָּדָה): "לְתַקֵּן לוֹ בֵּית תַּלְמוּד"; אָנְגְרֵייטְן מוֹסְדוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אַ אִיד צִיט זִיךְ אַרִיבֶּער פוּן אֵיין פְלַאץ צוּ אַ צְוֵוייטֶע פְלַאץ, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ קוּקְט מֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט הָאבְּן אַ מוֹסָד פַאר דִי קִינְדֶער.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ קוּקְט מֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט הָאבְּן אַ רָב, אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד – וָואס וֶועט מְחַזֵּק זַיין אוֹיף עֲבוֹדַת ה'; אַ שׁוּל, אַ מִקְוֶה אוּן נָאכְדֶעם קוּקְט מֶען אוֹיף גֶעלְט.

זָאלְסְטוּ לְמַעַן ה' קוֹדֶם מְבַרֵר זַיין אוֹיבּ אַן עֶרְלִיכֶע מוֹסָד אִיז גְרֵייט אַרַיינְצוּנֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, נָאר נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ מַאכְן דַיינֶע פְּלֶענֶער זִיךְ אַהִינְצוּצִיעֶן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ"א)

>>>>>>

מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר ווִיל צוּקוּמֶען צוּ אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּמָאל בַּאהַאלְטְן, עֶר וֶועט אִים אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן שְׁוֶועריקֵייטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן דָאס וֶועט נָאךְ מֶער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וֶועלְן בַּאקוּמֶען. אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן זַיין רָצוֹן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן וַוייטֶער מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וֶועט עֶר דוּרְכְבְּרֶעכְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין אִיבֶּער אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ זַיין צִיל. דִי "מְנִיעוֹת", דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, וֶועלְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ "נְעִימוּת", צוּ אַ זִיסְקֵייט.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אַ אִיד זִיךְ צוּ דוּרְכְרֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה אִיבֶּער אַ גֶעווִיסֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט דוּרְכְפִירְן, עֶר הָאט אָבֶער גֶעהַאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן פְרַייטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן עֶר הָאט פוּנְקְט גֶעהַאלְטְן בַּיים פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כד) "וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק", דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטְרָאגְן זַיין זוּן יִצְחָק צוּ דִי עֲקֵידָה, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם פְלַאץ פוּן דֶער וַוייטְנְס, זָאגְט רַשִׁ"י ווִי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעווָאוּסְט וואוּ דֶער פְלַאץ אִיז? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַ וָואלְקְן אוֹיפְ'ן בַּארְג.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ דֶער עֶנְטְפֶער צוּ זַיין פְּרָאבְּלֶעם. דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען דִי רִיכְטִיגֶע פְלַאץ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין? וֶוען מֶען זֶעט דָארְט אַ וָואלְקְן, מֶען זֶעט אַז דֶער וֶועג צוּם פְלַאץ אִיז פַארְוָואלְקְנְט אוּן פַארְנֶעפְּלְט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט גְלַייךְ אוּן גְלַאטִיג, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּנֶעם וָואלְקְן, אוּן דַאן אִיז מֶען מַצְלִיחַ אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיל.

### יֶעדֶער קֶען מַצְלִיחַ זַיין

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל דֶער עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט, וַוייל זֵיי קְלֶערְן אַז עֶס אִיז צוּ שְׁוֶוער, זֵיי הָאבְּן צוּפִיל שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען. אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, וֶועט עֶר טְרֶעפְן וֶועגְן אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי שְׁוֶועריקֵייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ו) אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", בִּפְּשִׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶער דֶער וָוארְט "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גְנֵיבָה", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפְּ גֶע'גַנְבְ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען. אִיךְ ווֵייס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אִיבְּרִיג צַייט, אָבֶער הָאסְטוּ כָאטְשׁ פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּ'גַנְבְ'עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט פַאר תּוֹרָה?

חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לה:) "הִלֵּל מְחַיֵּיב אֶת הָעֲנִיִּים, רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוֹם מְחַיֵּיב אֶת הָעֲשִׁירִים, יוֹסֵף מְחַיֵּיב אֶת הָרְשָׁעִים" - דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר פַארֶענְטְפֶערְט זִיךְ פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ אָרֶעם, אָדֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ רַייךְ אוּן פַארְנוּמֶען מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אָדֶער אַז עֶר הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, זָאגְט מֶען אִים אַז עֶר זָאל קוּקְן דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן.

הִלֵּל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, ווִי דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אַז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַאךְ אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דָאס גֶעלְט צוּ גֶעבְּן פַארְ'ן שׁוֹמֵר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ. רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוֹם אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִים נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יוֹסֵף הַצַּדִּיק וָואס הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּמְט אוֹיס אַז דִי צַדִּיקִים זֶענֶען מְחַיֵּיב יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז וֶוער עֶס הָאט זִיךְ יָא אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי סָארְט תֵּירוּצִים, וֶועט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען אָבֶער פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ (מִשְׁלֵי יז) "גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב", אַ צַדִּיק זוּכְט נִישְׁט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן מֶענְטְשְׁן, עֶר זוּכְט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ דוּרְךְ אִים. אוּן דָא זָאגְן חֲזַ"ל אַז דִי צַדִּיקִים וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין תּוֹרָה.

נָאר מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר מֶען רֶעדְט טַאקֶע נָאךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער וָוארְט "מְחַיֵּיב" קֶען מֵיינֶען אַז זֵיי מַאכְן דֶערְפוּן אַ "מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) הִלֵּל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ וֶועג אוּן גֶעווִיזְן פַאר יֶעדְן אַז אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען. רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוֹם אִיז גֶעוֶוען אַ מוּסְטֶער צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ אַ פַארְנוּמֶענֶער עוֹשֶׁר הָאט אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט דֶערְקְלֶערְט אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אוּן פוּן זֵיי דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אָפְּלֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מֶען קֶען אַמָאל טְרַאכְטְן אַז נָאר יֶעצְט זֶענֶען דָא דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶועט שׁוֹין אַלֶעס זַיין מְסוּדָר, עֶס וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט אוּן גְלַאטִיג, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

אַ בָּחוּר טְרַאכְט אַז יֶעצְט הָאט עֶר טַאקֶע אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, אָבֶער וֶוען עֶר וֶועט חַתּוּנָה הָאבְּן וֶועט עֶר זַיין גֶעהֶערִיג מְסוּדָר, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין. וֶוען עֶר הָאט אָבֶער חַתּוּנָה זֶעט עֶר אַז עֶרְשְׁט דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן דַאן ווִיל עֶר עֶס אָפְּלֵייגְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן שׁוֹין גְרוֹיס וֶוערְן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר וַוייטֶער שְׁוֶועריקֵייטְן טַאקֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר קְלֶערְט אַז נָאכְ'ן חַתּוּנָה מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן אַ רוּאִיגְקֵייט, אָבֶער דֶעמָאלְט קוּמֶען אוּנְטֶער אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער כְּלַל אִיז: אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אֵייבִּיג נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין, עֶר קֶען אֵייבִּיג אוֹיסְפִירְן אַלֶעס וָואס עֶר ווִיל אֱמֶת'דִיג טוּן, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. אָבֶער אַלֶעמָאל וֶועלְן אוֹיךְ אוּנְטֶער קוּמֶען שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאט אַ וֶועג אַרוֹיס, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף. דֶער עִיקָּר אַז מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ מְנִיעוֹת)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (קז)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

**תח**

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, הָאט זַיין טַאטֶע זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי׳ן, וַוייל עֶר אִיז סְתָּם אַזוֹי גֶעוֶוען פוּן דִי מִתְנַגְּדִים אוֹיף חֲסִידִים בִּכְלַל, אָבֶער סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דִי חֲסִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶועמֶען מְ׳פְלֶעגְט רוּפְן "דִי וִידוּי׳נִיקֶעס", זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מַמָּשׁ צוּ שַׁאנְד אוּן צוּ שְׁפָּאט בַּיים עוֹלָם.

עֶר אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא׳דִיג בֵּייז אוֹיף רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶערֶעדְט זַיין שְׁנוּר, דִי וַוייבּ פוּן רֶבִּי נָתָן, אַז זִי זָאל זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִים אוֹיף דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי׳ן. אוּן זִי הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעקְרִיגְט מִיט אִים, אוּן אִים אָנְגֶעוָוארְנְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן נָאכְאַמָאל צוּם רֶבִּי׳ן.

**תט**

יֶענֶע וָואךְ, פַאר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, הָאבְּן גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי׳ן צְוֵויי חָשׁוּבֶע חֲסִידִים, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן. אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאבְּן זֵיי חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אֵיינֶעם פוּן נֶעמִירוֹב וָואס פְלֶעגְט אַסַאךְ קְלַאטְשְׁן בַּיים דַאוֶונֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, אוּן הָאט זֵיי שְׁטַארְק פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זֵיי מַאכְן חוֹזֶק פוּן יֶענֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "צִי וֵוייסְט אִיר דֶען וָואס קְלַאטְשְׁן מֵיינְט, אוּן אַלֶע עִנְיָנִים וָואס לִיגְט אִין דֶעם, אַז אַז אִיר מַאכְט שׁוֹין חוֹזֶק פוּן דֶעם אִיד וָואס קְלַאטְשְׁט בַּיים דַאוֶונֶען?! וֵוייסְט אִיר דֶען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן קְלַאטְשְׁן בַּיים דַאוֶונֶען, אַז עֶס גֶעפֶעלְט אַייךְ נִישְׁט זַיין קְלַאטְשְׁן?!"

**תי**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ז אֱלוּל, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ צוּגֶעאַיילְט אוּן אִיז אַרוֹיס דִינְגֶען אַ וָואגְן צוּ פָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר׳ן בַּעַל עֲגָלָה עֶר זָאל אַרוֹיסְפָארְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן אִים דָארְט אָפְּוַוארְטְן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען צוּ נֶעמֶען מַלְבּוּשִׁים פַאר יוֹם טוֹב.

סְ׳אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, זַיין וַוייבּ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן, אוּן זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶערֶעגְט מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע כַּעַס אַז עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן.

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ צוּגֶעיָאגְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיינֶע וֶועשׁ, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס אוּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט זַיין חָבֵר ר׳ נַפְתָּלִי, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט צוּם וָואגְן וָואס הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף זֵיי.

זֵיי זֶענֶען צוּזַאמֶען גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי׳ן, מִיטְ׳ן פְּלַאן צוּ זַיין דָארְט אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, אוּן שׁוֹין צוּ בְּלַייבְּן דָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיז דַאן אוֹיסְגֶעקוּמֶען מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג.

**תיא**

נָאכְמִיטָאג זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, זֵיי זֶענֶען אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן אוּן גֶערֶעדְט מִיט אִים אַבִּיסְל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי דַאן גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירְן גָאר אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג", אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן רֶבִּי׳ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

>>>>>>

דינגען א בעט אינעם בנין פאר ראש השנה תשפ"ב הבעל"ט.

פילע אידן גרייטן זיך שוין אויף די נסיעה צום הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה קיין אומאן, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געבעטן אז יעדער זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, און ער האט צוגעזאגט געוואלדיגע הבטחות אויף דעם.

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הראש השנה שלי עולה על הכל", ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן. ווי פארכטיג איז דער יום טוב ראש השנה ווען מ׳שרייבט אפ אין הימל פאר יעדן מענטש אלעס וואס וועט פאסירן צו אים במשך די גאנצע יאר, און דער רבי האט זיך אונטערגענומען אז ער וועט זיין אן אדוואקאט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, ער וועט זיכער מאכן אז מ׳וועט אנשרייבן פאר זיי א גוט געבענטשט יאר. ווען א מענטש הערט אזעלכע געוואלדיגע הבטחות, וויל ער דאך זיכער קומען צום רבי׳ן אויף ראש השנה, און מען זעט טאקע אז יעדעס יאר קומען צו נאך טויזנטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט מיטצוהאלטן דעם רבינ׳ס ראש השנה אין אומאן.

**וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




# אִיז מַיין מַאן צוּ סַאךְ פַארְנוּמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין מַאן טַעֲנָה׳ט אַז זַייט עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ בְּרֶסְלֶב, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן. אִיךְ מֵיין אָבֶער אַז זַייט דֶעמָאלְט אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן מַמָּשׁ חָרוּב גֶעוָוארְן. סְ׳הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת יֶעדְן טָאג זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ שִׁיעוּרִים אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן לֵיין פוּן קוֹל בְּרֶסְלֶב, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר יֶעדְן טָאג גֶעדַארְפְט גֵיין קוּקְן אוֹיבּ סְ׳אִיז דָא פְרִישֶׁע בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן וואוּ עֶר גֵייט אוּן שְׁטֵייט הָאט עֶר אַלְץ אַ מִשְׁנַיוֹת, תְּהִלִּים, גְּמָרָא, אָדֶער אַן אַנְדֶער סֵפֶר, אוּן עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ רֶעדְן אֲפִילוּ מִיט מִיר.

עֶר טַעֲנָה׳ט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז זַיין רֶבִּי אוּן מוֹרֶה דֶרֶךְ, דֶערְפַאר וִויל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען אוּנְז עֶנְטְפֶערְן אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב פַאר 24 שָׁעָה אַ טָאג, אוּן מַמָּשׁ נִישְׁט אָנְקוּמֶען זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, עֶס הֶערְט זִיךְ זֵייעֶר מָאדְנֶע אַז אֵייעֶר לֶעבְּן אִיז אַייךְ חָרוּב גֶעוָוארְן זַייט אֵייעֶר מַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב; עֶפֶּעס שְׁטִימְט נִישְׁט, עֶפֶּעס פֶעלְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אִיר בַּאהַאלְט עֶפֶּעס.

אִיךְ רָאט אַייךְ אִיר זָאלְט אַלֵיינְס הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֵיינֶען דִי בְּרִיוו, אִיר זָאלְט זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אוּן וָואס מֶען שְׁרַייבְּט אִין דִי בְּרִיוו; נִישְׁטָא נָאךְ אַ פְּלַאץ וָואס זָאל אַזוֹי מְחַזֵּק זַיין דִי אִינְגֶעלַייט אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת וִוי בַּיים רֶבִּי׳ן, נִישְׁטָא נָאךְ אַ פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט וָואס שָׁלוֹם בַּיִת זָאל זַיין נוּמֶער אֵיינְס – וִוי בַּיים רֶבִּי׳ן; עֶס מוּז זַיין אַז אִיר זוּכְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף בְּרֶסְלֶב, וַוייל אִיר הָאט גֶעהֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דֶעם פְּלַאץ, אָדֶער שֶׁעמְט אִיר זִיךְ פוּן אַייעֶרֶע חַבְרְ׳טֶעס, דֶערִיבֶּער זוּכְט אִיר שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵייעֶר מַאן.

אִיךְ וִויל אַייךְ פְרֶעגְן, עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז דֶער מַאן הַאלְט מִיט זִיךְ אַ

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

מִשְׁנַיוֹת?! עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז דֶער מַאן הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה?! וָואס הָאט אֵייעֶר מַאן גֶעטוּן אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן? מִן הַסְּתָם הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט אַ טֶעלֶעפָאן, אִיז דָאס גֶעוֶוען בֶּעסֶער?! וָואס הָאט אֵייעֶר מַאן גֶעהֶערְט אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעפוּנֶען דֶעם רֶבִּי'ן? מִן הַסְּתָם הָאט עֶר גֶעהֶערְט הַאטְלֵיינְס פוּן נֵייעֶס, דָאס אִיז בֶּעסֶער?!

עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס לִיגְט אִין אַייךְ אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פַּיינְטְשַׁאפְט, אַנְדֶערְשׁ קֶען אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס זָאל אַייךְ שְׁטֶערְן אַז אֵייעֶר מַאן לֶערְנְט אוּן אִיז זִיךְ מְחַזֵּק מִיט גוּטֶע עֵצוֹת וִוי זִיךְ צוּ פִּירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוֹיב בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְט, אִיר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם פַּיינְטְשַׁאפְט, נָאר אִיר זֶענְט פָּשׁוּט אַ רַחֲמָנוּת אַז אֵייעֶר מַאן הֶעלְפְט אַייךְ נִישְׁט, עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אוּן אוֹיף אַייךְ קוּקְט עֶר נִישְׁט, דֶעמָאלְט זַייט נִישְׁט בֵּייז אוֹיף בְּרֶסְלֶב, דָאס אִיז זַיין אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם; אוּן אַז עֶר הָאט אַזַא פְּרָאבְּלֶעם, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אַ וַוייבּ אִיז - זָאלְט אִיר אִים מְחַזֵּק זַיין צוּ לֶערְנֶען מֶער סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב. זַייט אִים מְחַזֵּק עֶר זָאל לֶערְנֶען דִי בְּרִיווּ פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת, וֶועט עֶר זֶען צוּבִּיסְלִיךְ וָואס אַ וַוייבּ אִיז, וִוי מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין אַ וַוייבּ, וִוי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ אַ וַוייבּ; גֶעבְּט אִים צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וִוי מֶען זָאל הַאלְטְן טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב דִי וַוייבּ, בִּיז עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט אַייךְ וִוי עֶס דַארְף זַיין.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לֶעבְּן מִיט אֵיין וֶועג, בֵּיידֶע זָאלְן זִיךְ פַארְשְׁטֵיין, בֵּיידֶע זָאלְן מְוּתָּר זַיין אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן; דוּרְךְ תְּפִילָּה וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלֹתְךָ תשפ"א)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "א וועלט פון חיזוק" קאמפיין תשפ"א

## מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך פרשת קרח

דעם קומענדיגן וואך, מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך פרשת קרח, קומט פאר די יערליכע קאמפיין פאר די הייליגע מוסדות "היכל הקודש" ברסלב, מיט'ן נאמען "א וועלט פון חיזוק".

ווי פאסיג איז דער נאמען פונעם קאמפיין צו די הייליגע מוסדות, וואס ברענגען אריין חיזוק און האפענונג פאר אידן אין די גאנצע וועלט. הונדערטער טויזנטער מענטשן איבער דער גאנצער וועלט האלטן מיט די דרשות און שיעורים פון ישיבה, אידן הויבן אן צו לעבן מיט די עצות און חיזוק פון הייליגן רבי'ן וואס מען הערט פון דער ראש ישיבה שליט"א.

פילע וועלכע האבן בכלל נישט געוואוסט פון ברסלב צו זאגן, אדער וואס האבן גאר געהאט א אנדערע סארט רושם אויף ברסלב, ווייסן שוין היינט דעם אמת וואס ברסלב איז, און שפירן אז זייער לעבן איז אינגאנצן געטוישט געווארן צום גוטן אין זכות פון די שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט"א.

עס איז נישט מעגליך צו ציילן וויפיל אידן האבן אנגעהויבן באקומען א פערזענליכן קשר מיטן אייבערשטן; וויפיל אידן האבן אנגעהויבן זיך צו פרייען מיט זייערע אידישקייט, און זייער דאווענען און תורה ומצוות האבן אנגעהויבן צו לייכטן ביי זיי; ווער קען ציילן וויפיל פסוקים חומש, פרקים משניות און בלעטער גמרא זענען דורכגעלערנט געווארן דורך די חיזוק וואס זיי האבן באקומען פונעם ראש ישיבה שליט"א; וויפיל אידישע שטיבער האבן אנגעהויבן צו בליען און שיינען פון ווען די עלטערן האבן אנגעהויבן לעבן באהבה ואחוה ושלום ורעות דורך די שכל פון די שיעורים; וויפיל קינדער האבן אויפגעלעבט ווען די עלטערן האבן באקומען די ריכטיגע וועג ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט זיי דורך די דרשות; ווי אזוי קען מען שאצן וויפיל תפילות און תהלים זענען געזאגט געווארן דורך אומצאליגע מענער פרויען און קינדער; ווער ווייסט וויפיל אידישע נשמות זענען געראטעוועט געווארן פון שאול תחתית און פון נישט ערליכע מענטשן, דורך די וואכזאמקייט וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט זיי געגעבן; אפילו מען וועט שרייבן פאר גאנצע טעג און וואכן וועט מען נישט קענען אויסצורעכענען אויפ'ן שפיץ גאפל די געוואלדיגע אויפטואונגען פון די ישיבה פאר אזויפיל אידן בכל מקומות מושבותיהם.

דאס איז אין צוגאב צום גרויסן נעץ פון מוסדות התורה והחינוך "היכל הקודש" ברסלב, וואו עס ווערן נתחנך אזויפיל אידישע קינדער אויפ'ן וועג פון הייליגן רבי'ן, מיט אמונה און תפלה, מיט תורה ויראת שמים, וואס ווער עס האלט מיט פון דער נאנט זעט ווי די שכינה רועט אויף זיי, ווי די קינדער וואקסן אויף סאלדאטן פאר'ן הייליגן באשעפער, צו דינען דעם אייבערשטן בכל לב ונפש, און צו קענען מצליח זיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות.

עס איז נישט שייך צו שאצן די גרויסע זכותים וואס מען קויפט זיך איין דורכן שטיצן די הייליגע ישיבה. אידן קוקן ארויס צו קענען האבן כאטש א קליין חלק אין די גרויסע פעולות פון די ישיבה, און ווילן זיך איבערשטרענגען מיט אלע כוחות ארויסצוהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א ער זאל ווייטער קענען אנגיין אין זיין וועג אריין צו בלאזן פרישע לופט פון חיזוק און עצות אין אידישע קינדער.

מיט'ן אראפנעמען די פינאנציעלע עול פונעם ראש ישיבה שליט"א, און מנדב זיין געלט אויסצוהאלטן די ישיבה און מוסדות החינוך, ווילן מיר זייער שטארק ארויסהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א צו קענען ווייטער פירן די מוסדות מיט א רואיגקייט און יישוב הדעת און מיר ווילן אלע הנאה האבן ווייטער פון די אלע שיעורים און בריוו, עצות און חיזוק, וואס וועט אונז העלפן האבן א שיינע לעבן.

געלויבט דעם אויבערשטן אז די קאמפיינס פון די לעצטע יארן זענען געקרוינט געווארן מיט גרויס הצלחה, דאס איז געווען א שטארקע הילף פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז ער זאל קענען ווייטער אנגיין מיט זיין עבודת הקודש, צו מחנך זיין די קומענדיגע דורות אויפן ערליכן וועג ווי דער הייליגער רבי ז"ע האט אונז געלערנט אויף די יסודות וואס מוהרא"ש ז"ע האט אונז אוועק געשטעלט, אזוי אויך מיט די ארבעט פון פארשפרייטן דאס לעכטיגקייט פון הייליגן רבי'ן אויף דער גאנצער וועלט.

עס איז ערווארטעט אז דאס יאר וועט דער קאמפיין האבן נאך א שטערקערע הצלחה, אידן ווען זיי זיך אנשטרענגען ארויסצוהעלפן די הייליגע ישיבה, און מיט דעם האבן א זכות אין די פילע אידן וואס ווערן געהאלפן טאג טעגליך דורך די ישיבה.

מ'קען הערן אפדעיטס און אינטערוויוס איבער'ן קאמפיין דורכ'ן רופן "קול ברסלב", און דרוקן נומער 8. ווי אויך קען מען שוין דארט מנדב זיין פאר'ן קאמפיין דורכ'ן אויטאמאטישן סיסטעם אויפ'ן טעלעפאן, אדער אויף charidy.com/breslev

מיר האפן צום אייבערשטן אז דער קאמפיין זאל געקרוינט ווערן מיט הצלחה, צו קענען אביסל פארגרינגען די שווערע לאסט וואס הויערט אויפ'ן ראש ישיבה שליט"א צו קענען דעקן די פילע הוצאות.

**כאילו קיים עולם מלא!**

***

# וואלונטירן ראש השנה אין אומאן

אין אומאן קומט יעצט פאר העפטיגע ארבעט ביים בנין היכל הקודש, צוצוגרייטן דעם בנין אויפ'ן שענסטן און בעסטן פארנעם, צו קענען ארייננעמען די פילע אנשי שלומינו וואס ווילן מיטהאלטן א געהויבענעם ראש השנה אין אומאן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

אזוי ווי עס איז ערווארטעט גאר א גרויסער עולם דאס יאר אין אומאן, זוכט מען וואלונטירן וואס זענען גרייט ארויסצוהעלפן מיט די ארבעט אין אומאן אין די טעג פון ארום ראש השנה. ס'איז דא פארשידענע סארט ארבעט פאר יעדן איינעם, ווער עס וויל נעמען א חלק אין די גרויסע זאך, קען רופן 347-452-1936. אויך קען מען רופן דעם זעלבן נומער צו

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **יודל פעלדמאן** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **משה עקשטיין** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יצחק אייזיק ראטה** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## נישט נעמען נאר געבן

**אוועקגעבן פון זיך פאר יענעם, איז פיל א געשמאקערע געפיל ווי צו נעמען פון יענעם פאר זיך. פרובירט עס אויס**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 6, 30**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י החתן לייבי ראטה הי"ו, ובמאנסי ע"י מו"ה אלי' פערל הי"ו

< BreslevCenter.com >